# קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: פאניע שבת הגדול, איין זאך מוז מען דאך צוגעבען, אז אביסיניען איז נישט קיין קולטורעל לאנד.

שבת הגדול: און איך זאג אייך, אז אביסיניען איז א לאנד מיט א הויכער קולטור, איהר האט דארט גנבות, אפערעס. שאנטאזש. איבערפאלען. מארדען, אויף א האהר נישט אנדערש ווי ביי אונז אין איירעפע.

---

## פון אונזער ווערטער-ביכער.

בוידעם: עפילאג פון א מאדערנעם ראמאן און פון היינטיגע געשעפטען.

דלות: הויפט אקציאנער אין די לאדזער אקציען-געזעלשאפטען.

וואג: מאדערנע פרויען ווילען פערלירען און שוואכע ווילען געפינען.

ווייןסוחר: א גרויסער בר־מזל. זיין פרנסה נעהט ווי פון א קוואל.

קריזיס: א ביטערער מאכל, הגם דער סוף זיינער איז זיס. (קרי־זיס).

סעקוועסטראטאר: א מענש וואס ארבייט אויף טיש און אויף בענק.

קוימענקעהרער: א מענש וואס ווערט פערשווארצט ווען ער קומט אויף דער העכסטער שטופע.

חכם: נישט יעדער חכם קאן מאכען א פערמעגען, אבער יעדער וואס מאכט א פערמעגען ווערט ס׳רוב א חכם. א. איטקין

אנטיסעמיט: א פארשוין, וואס האט נישט צו פרעסען, פרעסט ער יודען.

ברויט: אנ׳אלטע המצאה, צו פערשטאפען לייטען די מיילער.

הכנסת כלה: א חברה, וואס מאכט פון אלטע מיידלעך, יונגע ווייבלעך.

געניצען: א זאך, וואס עס קומט פון זיצען אויף א פרעהליכען אווענד אין יודישען טעאטער, און לעזען א פארטזעצונג פון א שפאנענדען ראמאן.

ויזתא: איינער פון די בעסטע טענצער אויף יעדען באל און א „מילי כלאפאק“ ביי אלע מיידלעך.

חזיר: מיינסטענטיילס א גביר.

חמור־קאפ: א קאפ, וואס געפינט זיך אויף די פלייצעס פון א נאצי.

טינט: א פליסיגקייט וואס אז מען קאן זיך נישט דערמיט אומגעהן קומען דערפון ארויס די גרעסטע קאטאסטראפעס, דהיינו: אויב מען שרייבט דערמיט אונטער מלחמה־אקטען, חתונה אקטען, מאדערנע לידער. קריטיק א.א.וו.

# דער וואלף און די הינט

### פאבעל פון א. איטקין

דער וואלף דער גרויסער ברוטאל,
האט אמאל געהאט א שרעקליכען דורכפאל,
שטאט ארייננכאפען זיך אין שעפסען־שטאל,
איז ער ראפטאם געשווינד,
אריינגעפאלען אין א שטאל פון הינט.
פיהלענדיג ווי זיין בראך איז פארטיג,
האט ער ווי אניעדעלמאן גרויסארטיג,
אנגעהויבען האלטען א רעפעראט;
מיט א זיסען צינגעל פיין און גלאט;
חברים געטרייע, גוטע פריינד!
כיבין צו אייך געקומען היינט,
מיט א ריינעם וועלפישען געוויסען,
א דויערהאפטען שלום צו שליסען,
שנאה, קנאה, מוז געהן אין דער זייט,
נישט פיהרען מעהר קיין שטרייט,
כיוועל אייך העלפען זיך ציוויליזירען,
טאלעראנץ עמאנציפאציע איינפיהרען,
גענוג צו פלאפלען! האבען די הינט געשריען,
פון דיר מוז מען פריהער די פעל אראפציהען
דאמאלסט זענען מיר מיט דיר זיכער.
און געשווינד ווי א וויכער,
געווארפען זיך אויפן טייערען גאסט,
און מכבד געווען ווי פאר איהם פאסט.

הנמשל:

גערעכענט האט מוסאליני,
אז דאס פאלק פון אביסיניע,
זענען בלויז שעפסעלעך שוואכע,
האט ער, ווי יעקע בשעתו, געטון „צור זאכע“,
פאר דער וועלט געהאלטען רעפעראטען,
אז קיינעם קאן גאר נישט שאטען,
ווען ער וועט ביי די ווילדע דארט,
איינפיהרען עמאנציפאציע אויפן ארט,
און מיט זיינע מאדערנע וואפען,
וועט ער פערנעהמען דעם האנדעל מיט שקלאפען,
איצט כאפט ער דארט קלעפ פאר זיינע זינד,
ענדיגען וועט ער ווי דער וואלף צווישען די הינט

---

# פערהיטונגס־מיטעל

## געגען גריפע

1) וואוינט אין וואריִמע דירות. צום בעסטען איז איהר זאלט זיך „אנוואריִמען“ ערגעץ אין א געזעלשאפטליכער אינסטיטוציע.

2) מיידט אויס צו פאהרען אין טראמוואיען און אין באהנען, צום בעקוועמסטען איז צו פערפאהרען — עמיצען אין באק.

3) שלאפט לאנגע שעה׳ן — געהט אויף פארלעזונגען אין „זשעטעקא“ אדער לעזט איבער א הערמארעסקע.

4) ווען איהר האט א גריפע, קושט זיך נישט מיט קיינעם — סיידען עס איז אייער הויזווירט אדער שוויגער.

5) האלט אייערע הענד ריין — סיידען איהר זענט א כלל־טוער.

# וויאזוי ספארטלער שפילען אין קארטען

### אזא מין מעטש „הכוח“ — „מכבי“.

צוויי ספארטאוועס, מאניעק און העניעק, איינער א באקסער פון „הכח“ און דער צווייטער פון „מכבי“ זיצען ביידע ביי א טישעל, זאגט איינער צום צווייטען:

— מאניעק, לאמיר מאכען א קערטעל.

— גוט, געלד האסטו?

— איך האב נישט, און דו?

— איך האב אויך נישט.

— נו, טא אויף וואס וועלען מיר שפילען?

— אויף פעטש. ווער ס׳וועט געווינען וועט דעם דאך! — האט העניעק געענטפערט.

צווייטען געבען א רייב אין דער מארדע.

— גוט.

מאניעק נעהמט ארויס א פעשעל און טאסירט. פלוצים שטעלט זיך אויף העניעק און דערלאנגט מאניעקן א פראסק, אז די אויגען זענען איהם אויסגעגאנגען.

— וואס איז דאס? וואס שלאגסטו? מיר שפילען דאך נאך נישט?

— חכם איינער! אבער איינשטעלען מוז מען

---

# צום רעדאקטאר

זשיגזשיגא! סאסאבינע!
דזשיאסמאטש! גונבא!
קיין רחמנות האט נישט קיינער
אויף דעם לעזערס ציינער!

קאנט איהר נישט ווירקען
אויף דעם העלד מוסאליני,
ער זאל גרינגערע שטעט,
נעהמען אין אביסיני(ע)?

מוזען מיר דען ברעכען אונזערע
ציינער
אויף די „זיגען“ פון איטא-
ליענער?...

דבורה לאה.

## בין מנחה למעריב

— האסט געלייענט אין דער צייטונג? די איטאליענער האבען דאך שוין ווידער דער׳הרגעט 60 אביסינטשיקעס.

— נו, יא, די אביסיניער איז פיל לייכטער צו דערהרגענען ווי צו בעזיגען.

## צווישען סוחרים.

— ר׳ נטע, איהר טראגט נייע הויזען, טא וואו זענען די קעשענעס?

— קעשענעס? זייט נישט קיין שוטה, אויף וועלכע כפרות דארף א לאדזער סוחר — קעשענעס?

## אין רעסטאראן.

גאסט: פאניע קעלנער, וואס האט איהר היינט אין דער קיך?

קעלנער: א סוואנד....

—X—

# דער קונדס

● הומאר ● סאטירע


● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 9 פרייטאג, דעם 10 יאנואר 1936





וואזשגי: סטאפ, איהר זענט א ב—ארישע פרוי?
יודענע: איהר זענט אליין אנ׳אידאט!...

